ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל תשיעי — שער שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

•

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•

## תצא

(חלק כט שיחה ב)

יוצא לאור על ידי מערכת

**״אוצר החסידים״**

770 איסטערן פּאַרקוויי — ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים וחמש לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע פרשת תצא, ז״יג אלול, ה׳תשפ״ה (ב)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2025
by
Kehot Publication Society®
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

Kehot Publication Society® and the Kehot logo are registered trademarks of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# תצא ב

א. די גמרא זאָגט[1]: „כל הנודר אע״פ שהוא מקיימו נקרא חוטא, אמר ר׳ זביד מאי קרא וכי תחדל לנדור לא יהי׳ בך חטא[2], הא לא חדלת איכא חטא״. אויך לערנט מען אָפּ[3] פון אַ גזירה שוה „חדלה חדלה״ — „כתיב הכא כי תחדל לנדור[4] וכתיב התם[5] שם רשעים חדלו רוגז״ — אַז „כל הנודר[6] אע״פ שמקיימו[7] נקרא רשע״.

ביידע לימודים ווערן אַראָפּגעבראַכט להלכה אין טושו״ע[8] „כל[9] הנודר אע״פ שמקיימו נקרא רשע ונקרא חוטא״[10] דער רמב״ם אָבער א) ברענגט ניט אַראָפּ אין הלכות נדרים די לימודים הנ״ל[11]. ב) ברענגט אַראָפּ אַ דריטען מאמר רז״ל[12]

---

1) נדרים עז, ב.

2) פרשתנו כג, כג.

3) נדרים כב, א.

4) והיינו (ראה דרישה שבהערה 9) דמהפסוק (הנ״ל) עצמו יודעים שנקרא „חוטא״ (ראה פרש״י* שם ד״ה כי תחדל „מכלל דאי נדר . . איכא חטא״. ועד״ז בר״ן שם ד״ה ויליף), ומהגז״ש ד„חדלה חדלה״ (שהובא בפנים) ילפינן דנקרא (גם) „רשע״. וראה הלשון והסדר בטושו״ע שנסמן לקמן הערה 8. וראה בהנסמן בהערה 10.

5) איוב ג, טז.

6) כ״ה גירסת הע״י. וכ״ה בהגהות הב״ח בגמרא שם.

7) להעיר מלשון רש״י הנ״ל „דאי נדר ועבד לי׳״, היינו — שקיים הנדר. ובפרש״י שם דף עז (ד״ה הא לא חדלת) כתב „אלא נדרת״ ותו לא.

8) יו״ד ר״ס רג. וראה לבוש שם.

9) כ״ה הלשון בשו״ע. ובטור שם מעתיק לשונות הגמרא. וראה דרישה שם סק״א.

10) ב׳ הענינים — ראה ט״ז שם סק״א דתלוי אם מצא פתח לחרטה או לא. ובקרבן נתנאל לרא״ש נדרים פ״א ס״ח (אות ב), דהא דנק׳ רשע הוא בנדרי איסור ש(בדרך כלל) נודר מחמת כעס (משא״כ בנדרי הקדש, דנק׳ רק „חוטא״). וכדבריו משמע לכאורה מפשטות המשך הגמ׳ שם (כב, א). וכן משמע מרמב״ם שבהערה הבאה.

11) קושיא גמורה אינה, כי בנוגע לרשע י״ל דנכלל* במ״ש בפ״א הכ״ה־כו „כנדרי רשעים כו׳ חייב כו׳ אסור כו׳ כנדרי כשרים לא נתחייב בכלום שאין הכשרים נודרים בדרך אסור וכעס״, ובכלל מאתים מנה דמובן שהוא חוטא.

אבל עדיין צריך ביאור, דהו״ל לכתוב ענין זה (דהוי רשע וחוטא) בפני עצמו

[וכבש״ס שם (כב, א) שמבאר שנק׳ רשע מגז״ש (וגם דנקרא חוטא — ראה הערה 4), אף שמפורש במשנה (שם ט, א)** „כנדרי רשעים כו׳ כשרים כו׳״ (שהובא ברמב״ם הנ״ל), שרק „רשעים״ נודרים (וראה השקו״ט בגמ׳ שם (ט, א־ב))]

— להדגיש חומר ענין הנדרים, כדי שיהי׳ אדם נזהר בהם (וע״ד שמביא בסוף הל׳ נדרים (מובא לקמן בפנים) דהוי „כאילו בנה במה״).

12) נדרים כב, א. נט, א. ס, ב. יבמות קט, ריש ע״ב. וגיטין מו, רע״ב (וכנסמן במסורת הש״ס).

ברדב״ז הל׳ נדרים (וכן בסוף הל׳ שבועות) ציין המקור לדברי הרמב״ם „בפרק הנודר מן הירק״* (והוא בנדרים נט שם), ועד״ז בצפע״נ שם: כן

---

*) וידועה השקו״ט אם הפירוש דמס׳ נדרים (גם עד דף כב) הוא מרש״י — ראה יד מלאכי כללי רש״י ותוס׳ כו׳ אות ו. שם הגדולים להחיד״א מע׳ גדולים מערכת רש״י. שד״ח (כרך ט) כללי הפוסקים סי׳ ח אות ד.

*) ואף שבנוגע לנזירות („שהוא נדר מכלל נדרי איסור״ — רמב״ם ריש הל׳ נזירות) כתב הרמב״ם (סוף הל׳ נזירות) „האומר הריני נזיר . . ה״ז **רשע** ונזירות כזו מנזירות **רשעים** הוא״ — דוחק לומר דסמיך ע״ז ושלכן אינו מביא בהל׳ נדרים (**שלפנ״ז**) ד„נק׳ רשע . . חוטא״.

**) ומובא בגמרא (שם כב, א) — **בהמשך** למ״ש „נק׳ רשע״: אף אנן נמי תנינא כנדרי רשעים כו׳.

*) אבל בכס״מ שם: פרק קונם (והוא שם דף ס). ובמגדל עוז שם ציין לב׳ מקומות הנ״ל, ומסיים „ומייתי לה בכמה דוכתי״. וראה לקמן הערה 27.

ווען דעם חסרון פון נודר זיין — בסוף הל' נדרים זאָגט דער רמב"ם „כל הנודר כאילו בנה במה ואם עבר ונדר מצוה להשאל על נדרו".

וצריך ביאור: פאַרוואָס ברענגט ער ניט די לימודים הנ"ל פון פסוקים, נאָר „כל הנודר כו'" — אויף וועלכן עס ברענגט זיך ניט קיין פסוק[13]?

אויך דאַרף מען פאַרשטיין: דעם ענין, אַז מ'זאָל זיך אָפּהאַלטן פון נודר זיין, זאָגט שוין דער רמב"ם פריער, אין הל' דעות[14], וואו ער רעדט ווי אַזוי ס'דאַרף זיין הנהגת האדם בכלל בנוגע דברים שבעולם — פון וועלכע מ'דאַרף זיך אָפּשיידן און פון וועלכע מ'דאַרף ניט — וז"ל: „לפיכך צוו חכמים שלא ימנע אדם עצמו אלא מדברים שמנעתו התורה בלבד, ולא יהא אוסר עצמו בנדרים ובשבועות על דברים המותרים. כך אמרו חכמים[15] לא דייך מה שאסרה תורה אלא שאתה אוסר עליך דברים אחרים".

איז ניט גלאַטיק: פאַרוואָס ברענגט ער ניט דאָרטן דעם חסרון אין נדרים דמאמרים הנ"ל, אַז „כל הנודר כו' נקרא חוטא (פושע), כאילו בנה במה"? — וואָס איז דאָך שטרענגער פון דער טענה לא דייך כו'.

ב. וועט מען דאָס פאַרשטיין בהקדים ביאור דברי הרמב"ם אין דער הלכה הנ"ל: „כל הנודר כאילו בנה במה, ואם עבר ונדר מצוה להשאל על נדרו כדי שלא יהא מכשול לפניו".

דער מקור פון דער הלכה, איז דער מאמר פון רבי נתן וואָס ווערט געבראַכט כמה פעמים בש"ס[16], און ר"נ פירט אויס „והמקיימו כאילו הקריב עלי' קרבן"[17]. איז ניט מובן: פאַרוואָס ברענגט ניט דער רמב"ם אויך דעם סיום פון דעם מאמר וואָס ברענגט נאָכמער אַרויס דעם גודל החטא אויב מ'איז ניט שואל אויפן נדר (ובמילא — מקיימו), אַז ווען מ'איז מקיים דעם נדר[18] — איז כאילו מ'איז מקריב אַ קרבן אויף דער במה[19]?

נאָכמער: אין טור ושו"ע[20] ווערט דאָס

---

מבואר בנדרים דף נט ע"א עיי"ש. ובפשטות כוונתם כי שם דוקא הובא מאמר ר"נ ע"ז ד„קונמות מצוה לאיתשולי עליהן משום דר"נ כו'" המפורש ברמב"ם כאן.

13) ברמב"ם, וגם לא בש"ס (מקומות שבהערה 12). ולהעיר, שבפרש"י יבמות (שם ד"ה כאילו בנה) — על מרז"ל הנ"ל „כאילו בנה במה", כתב „דחוטא הוא דכתיב וכי תחדל לנדור וגו' הא לא תחדל והי' בך חטא". ובתוד"ה הנודר (יבמות שם. גיטין שם) הביא, די"מ דנפקא לן חדלה חדלה (ע"ש).

14) פ"ג ה"א.

15) ירושלמי נדרים פ"ט ה"א (בשינוי ל' קצת).

16) ראה לעיל הערה 12.

17) כ"ה בנדרים כב, א (לגירסת הע"י), יבמות וגיטין שם. ובנדרים נט, א. ס, ב (וכ"ה בפרש"י שם כב, א ד"ה ברישא פתחינן) — „כאילו מקטיר עלי'".

18) ראה ר"ן נדרים (כב, א) ד"ה והמקיימו „כלומר שאינו נשאל עליו כאילו כו'". ועד"ז ברש"י גיטין שם ד"ה והמקיימו (וד"ה שלאח"ז). וראה גם פרש"י יבמות שם ד"ה כאילו הקריב. תוס' רי"ד גיטין שם. וראה הלשון בטור ובשו"ע שבהערה 20.

19) ואין לתרץ לפי שהרמב"ם (בספר היד) אין ענינו להעתיק כל הלשון דמרז"ל כ"א רק מה שנוגע להלכה, והנפק"מ להלכה מדברי ר"נ ד„המקיימו כאילו הקריב עלי' קרבן" הוא שצריך להשאל על נדרו (כבנדרים נט שם. וראה מקומות שבהערה שלפנ"ז), וזה כתב בפירוש

כי מכיון שהרמב"ם מביא התחלת המאמר „כל הנודר כאילו בנה במה", להדגיש חומר ענין הנדרים בכדי שיהא האדם זהיר מלנדור, הו"ל להעתיק גם סיום מאמרו, שמביא גם לתוס' זירוז שלא לנדור נוסף על אשר אם עבר ונדר שישאל עליו.

20) יו"ד סי' רג ס"ג. וכן הובא בראב"ד סוף הל' שבועות. סמ"ג מל"ת רמב בסופה.

יע[21] אַראָפּגעבראַכט[22]!

דער רדב״ז[23] איז מסביר, אַז דעם המשך המאמר פון ר״נ „והמקיימו כאילו הקריב עלי׳ קרבן״ איז דער רמב״ם מפרש באופן זה, אַז „אם הוא ירא שמא יבא לידי מכשול ומקיים נדרו ואינו שואל עליו הוי כאילו הקריב עלי׳ קרבן, אבל אם ברי לו שלא יבא לידי מכשול אם רצה לקיים יקיים״.

אָבער ס׳איז לכאורה ניט גלאַטיק אַזוי צו איינלערנען אין רמב״ם, א) פון פשטות לשון הרמב״ם „כל הנודר כאילו בנה במה ואם עבר ונדר מצוה להשאל על נדרו כו׳״ איז משמע, אַז כשם ווי די רישא רעדט וועגן יעדן אופן פון נדר („כל הנודר״), אַזוי איז אויך דער המשך „אם עבר ונדר״, מיינט דאָס בכל אופן, סיי ביי „ירא שמא כו׳״ און סיי אויך ביי „ברי לו כו׳״[24].

ב) ווי קען זיין ברי לו שלא יבוא לידי מכשול — וויבאַלד אַז אמחז״ל במשנתם[25] „אל תאמין בעצמך״, און זיי האָבן געאסרט זיך שטעלן בנסיון[26].

ג. לכאורה קען מען דאָס פאַרענט־פערן ע״פ דיוק לשון הרמב״ם „כל הנודר כאילו בנה במה״ — ניט ווי בכמה מקומות בש״ס[27] (ועד״ז אין שו״ע[28]) וואו עס שטייט „הנודר״ סתם — וואָס יש לומר כוונת הרמב״ם בזה:

דער רמב״ם איז ממשיך ומסיים די הלכה, אַז „ואם עבר ונדר מצוה להשאל על נדרו כו׳ במה דברים אמורים בנדרי איסר אבל נדרי הקדש מצוה לקיימן כו׳״. פון דעם וואָס דער רמב״ם מאַכט אַ

21) ההוספה בטושו״ע „הנודר כאילו בנה (בונה) במה בשעת איסור הבמות״ הוא (בלשון הב״ח שם) „לפי שהרא״ש (נדרים כב) פירש כאילו בנה במה בשעת איסור הבמות (לכן כתב רבי׳ כו׳)״. וכ״ה ברש״י יבמות וגיטין שם; ר״ן נדרים שם (ראה ב״י וב״ח לטור שם). וי״ל (וראה ב״ח שם) שמביאו — כדי לשלול הפירוש (רש״י נדרים כב, א) כאילו בנה במה „לעבודת כוכבים״*. וברמב״ם י״ל דלא פירשו, כי מעתיק דברי התלמוד כצורתם וכלשונם (וראה יד מלאכי כללי הרמב״ם אות ה). ולהעיר שהרמב״ם מקדים אמרו חכמים.

22) עוד שינוי בין הרמב״ם וטושו״ע: ברמב״ם באה ההלכה ד„כל הנודר כאילו בנה במה״ בסוף הל׳ נדרים, ובטושו״ע — בתחלת הל׳ נדרים.

ויש לומר ע״פ המבואר כמ״פ החילוק בין הרמב״ם והשו״ע (ראה לקו״ש חט״ו ע׳ 374. ועוד), דהשו״ע ענינו בכדי שהאדם ידע את המעשה, ולכן מתחיל בחומר ואזהרת הנדרים, שנוגע למעשה בפועל שאינו רצוי להדיר (ואיזה נדרים משובחים — ראה לקמן שוה״ג להערה 30). ורק אח״כ באו פרטי הלכות נדרים;

משא״כ ספר היד להרמב״ם הוא כמ״ש בהקדמתו „חיבור זה מקבץ לתורה שבע״פ כולה . . שאדם קורא בתורה שבכתב תחלה ואח״כ קורא בזה ויודע ממנו תורה שבע״פ כולה כו׳״, היינו לימוד וידיעת הדינים. ולכן כתב הסדר כמו שהוא בידיעת הדינים, שמתחיל בהגדרת ענין הנדרים, פרטי הדינים דנדרים, ולבסוף ההלכות — מוסיף בנוגע למעשה, מתי לנדור או שאין לידור כלל וכו׳ (ועד״ז הוא בסוף כל הלכה שבספר הפלאה. וכ״ה בכ״מ ברמב״ם).

23) סוף הל׳ שבועות. וראה גם מגדל עוז שם.

24) אלא שי״ל, דלא קאי על זה שנודר „כדי לכונן דיעותיו ולתקן מעשיו כו׳״ (שבסוף הל׳ נדרים שם הכ״ג), שעליו כתב (שם) „הרי זה זריז ומשובח״, אלא „שלא ירבה (אדם) בנדרי איסור ולא ירגיל עצמו בהם״. ואח״כ מוסיף „כל הנודר״ — היינו שאר כל הנודרים (שלא באופן הנ״ל). אבל דוחק הוא. וראה לח״מ סוף הל׳ ערכין. וראה לקמן הערה 30.

25) אבות פ״ב מ״ד.

26) סנהדרין קז, רע״א. ובכל יום מבקשים (בברכת השחר) אל תביאני לידי נסיון (ברכות ס, ב).

27) נדרים כב שם. יבמות וגיטין שם. אבל בב׳ המקומות האחרים בנדרים שם „כל הנודר״.

28) ובטור הובא מאמר ר״נ בתוספת „כל״. ולהעיר מב״י שם שהביא המאמר „מפ״ג דנדרים״ והעתיק תיבת „כל״.

*) ולהעיר מרש״י סוטה ד, סע״ב (ד״ה במה) — וראה תוס׳ שבהערה 13 — זהר חדש רות צ, סע״ד.

חילוק צווישן נדרי איסור און נדרי הקדש נאָר ביים צווייטן פאַל פון „ואם עבר ונדר", וואָס ביי נדרי איסור איז „מצוה להשאל על נדרו" און „נדרי הקדש מצוה לקיימן ולא ישאל עליהן אלא מדוחק" — און ניט בנוגע דעם ערשטן פאַל פון „כל הנודר" (מלכתחי־לה) — איז מוכח, אַז דער ערשטער ענין (פון „כל הנודר כאילו בנה במה") איז ניט בלויז ביי „נדרי איסר" נאָר אויך ביי „נדרי הקדש".

[און אַזוי שטייט בפירוש אין פרישה[29], אַז מאמר רבי נתן רעדט אפילו וועגן נדרי צדקה, ווייל „אף ע"ג שמצוה הוא ליתן צדקה מ"מ כשהוא נודר ומ־חייב את עצמו בנדר נראה כאילו הוא מוסיף על מצות הש"י כאילו אין הש"י השלים חוקיו במה שציוה אותנו"].

און דערפאַר איז דער רמב"ם מדייק „כל הנודר" — צו כולל זיין אויך נדרי הקדש[30].

לויט דעם איז אויך פאַרענטפערט וואָס דער רמב"ם ברענגט ניט דעם המשך פון מאמר ר"נ „והמקיימו כאילו הקריב עלי' קרבן": היות אַז „כל הנודר כאילו בנה במה" מיינט אויך נדרי הקדש — איז אויב דער רמב"ם וואָלט ממשיך געווען „והמקיימו כאילו הקריב עלי' קרבן", וואָלט עס דאָך געווען בסתירה צום המשך אין רמב"ם „במה דברים אמורים בנדרי איסר אבל נדרי הקדש מצוה לקיימן ולא ישאל עליהן אלא מדוחק שנאמר נדרי לה' אשלם". ווי־באַלד אַז דער קיום הנדר איז „כאילו הקריב עלי' קרבן" — ווי קען מען זאָגן בנוגע לנדרי הקדש „מצוה לקיימן"?!

[ועפ"ז איז אויך מתורץ וואָס דער רמב"ם ברענגט ניט אַראָפּ „כל הנודר כאילו בנה במה" אין הל' דעות, וואָרום דאָרטן רעדט ער וועגן פרישות פון עניני העולם ונדרי איסור; אָבער וועגן נדרי הקדש — רעדט ער ניט דאָרטן].

עס בלייבט אָבער ניט מובן: וויבאַלד אַז אויך נדרי הקדש זיינען „כאילו בנה במה" — פאַרוואָס זאָגט תורה אַז מען זאָל איבערלאָזן דעם „מכשול לפניו" (די

29) לטור יו"ד שם סק"ז.

ודוחק גדול לומר שכתב כן רק בנוגע לצדקה ולא בנוגע לשאר נדרי הקדש. וראה שם סק"ח וסקי"א. ולהעיר מאגודה (הובא בברכ"י לשו"ע יו"ד שם ס"ה): הנודר אע"פ שמקיימו נקרא רשע יש מפרשים אפילו בנודר בעת צרה דהא על כל הנדרים מייתי לה. וראה טושו"ע יו"ד שם ס"ד בנוגע לצדקה.

30) דאף שבא בהמשך לב' הלכות שלפנ"ז שמדובר בנדרי איסור, הרי מזה שהתחיל זה בהלכה בפ"ע משמע שכולל הכל. ואף שכתב (הל' ערכין וחרמין פ"ח הי"ב) „שההקדשות וחרמין והערכין מצות וראוי לו לאדם להנהיג עצמו בדברים אלו כדי לכוף יצרו ולא יהי' כילי כו'", הרי מסיים שם „אעפ"כ אם לא הקדיש ולא העריך ולא החרים מעולם אין בכך כלום הרי התורה העידה ואמרה כו' לא יהי' בך חטא". והיינו לאדם שמרגיש בעצמו כילי כו', גם עליו אומרים שאם לא הקדיש כו' אין בכך כלום. אבל לאדם שאינו כילי ואינו צריך לנדור להקדש כדי לכוף יצרו — עליו אומרים „כל הנודר כאילו בנה במה" (וראה לח"מ שם).

והרי גם בנדרי איסור כתב הרמב"ם (הל' נדרים שם הכ"ג — הובא בלח"מ הנ"ל) ד„מי שנדר נדרים כדי לכונן דעותיו ולתקן מעשיו הרי זה זריז ומשובח", ואעפ"כ ממשיך בהכ"ד ואילך ש„לא ירבה אדם בנדרי איסור כו' כל הנודר כאילו בנה במה כו'"*.

וראה לעיל הערה 24.

*) משא"כ בטושו"ע שם שהתחלת הסימן היא בהחסרון ושלא ינדור, ואח"כ בא (בס"ג) אבל נדרי הקדש מצוה לקיימן כו'. ולבסוף (ס"ז) מי שנדר נדרים כדי לכונן דעתו כו' (שברמב"ם הכ"ג־כד) — נדר הרצוי. ולהעיר שהכותרת להסי' בשו"ע: איזה דברים משובחים (ואח"כ) ואיזה הם מגונים.

„במה", און ניט אים מבטל זיין, דורך שואל זיין על נדרו (ווי ביי נדרי איסור*[30])?

ד. ויש לבאר בכל זה:

בהקדם — דעם ענין פון „כאילו בנה במה" זאָגט דער רמב"ם — און אַזוי שטייט אין גמרא — נאָר לגבי נדרים („כל הנודר"), אָבער ניט לגבי שבועות [אע"פ אַז בכ"מ אין הל' נדרים ברענגט דער רמב"ם זיי צוזאַמען[31], „הנודר או הנשבע כו'". נאָכמער: אין הל' דעות, וואו דער רמב"ם רעדט (כנ"ל) וועגן דעם חסרון פון אסר'ן אויף זיך דברים המותרים, איז ער כולל נדרים ושבועות צוזאַמען].

און ווי ס'איז מוכח אין סוף הל' שבועות, וואו דער רמב"ם זאָגט: „וטובה גדולה היא לאדם שלא ישבע כלל" און ער איז ממשיך „ואם עבר ונשבע (ע"ד לשונו גבי נדר בסוף הל' נדרים: ואם עבר ונדר) שיצטער כו'". און ער זאָגט ניט אויף דעם „כאילו בנה במה".

דער ראָגאַטשאָווער[32] איז דאָס מבאר: „דגבי שבועה דהוא איסור גברא ולא חל האיסור על שום דבר לא שייך לומר כאילו בנה במה[33] דהאיסור הוא השבועה ולא דבר אחר".

די הסברה בזה:

אין דעם טעם הדבר, פאַרוואָס מ'זאָגט אַז דער וואָס טוט אַ נדר איז „כאילו בנה במה", זאָגט דער ר"ן[34]: „נראה בעיני דלהכי מדמינן לה לבונה במה משום דסליק אדעתי' דנודר דמצוה קא עביד, דרחמנא אסרי' במילי דאיסורא ואיהו נמי אסר אנפשי'". און אויף דעם זאָגט מען „דטעי, דאדרבה לבונה במה דמי דנהי דרחמנא אזהרי' לאקרובי קרבנות בפנים, אזהרי' דלא לוסיף עלי' לבנות במה ולהקריב בחוץ, ה"נ נהי דרחמנא אסר עלי' דברים האסורים כי מוסיף איהו אמאי דאסר רחמנא פשע, כענין שאמרו בירושלמי בפרק פותחין[35] לא דייך במה שאסרה תורה אלא שאתה אוסר עליך דברים אחרים".

דעם צושטעל קען מען טייטשן אויף צוויי אופנים — אין וואָס עס באַשטייט דער חסרון וחטא הנודר: א) אין פעולת הגברא, וואָס ער אסר'ט ענינים וואָס די תורה האָט זיי ניט געאסר'ט. ב) אין דער חפצא, אין דעם וואָס דורך זיין נדר איז געוואָרן אַ חפצא של איסור, וואָס די תורה האָט ניט געאסר'ט.

[בסגנון אחר קצת: צי דער איסור איז מצד הפועל והפעולה, אָדער מצד הנפעל].

און אויך ביי נדרים ליתן צדקה, ובכלל נדרי הקדש — אע"פ אַז דאָרט ווערט ניט קיין חפצא של איסור, קען מען לערנען דעם חסרון (בהמשך לדברי הפרישה[36] הנ"ל ס"ג) אויף צוויי אופנים (ע"ד הנ"ל ביי נדרי איסור): א) אַז דאָס

*30) ראה תוס' רי"ד נדרים (ס, ב) שע"י השאלה עוקר (גם) נדר שנתקיים „שלא יתחשב כמקריב קרבן בבמה בשעת איסור הבמות והאיסור שנהג נמצא שנהג בו בלא נדר", וראה גם צפע"נ לרמב"ם סוף הל' נדרים.

31) ראה שם פ"א ה"ד (לגבי המצוה לקיים). וראה פ"ד הי"א. פ"ה הי"ד־טז, וכו"כ פעמים בפרקים שלאח"ז.

32) צפע"נ סוף הל' שבועות.

33) להעיר גם מחדא"ג מהרש"א יבמות שם סד"ה בהפרת נדרים.

34) נדרים כב שם (הובא במפרשי הטור שם). וראה עד"ז תוס' רי"ד גיטין שם.

35) נסמן בהערה 15.

36) שבא לבאר דברי הר"ן הנ"ל בפנים.

איז מצד דעם עצם נדר — מעשה הגברא, וואָס ער איז מוסיף על מצות השי"ת (ער איז זיך מחייב בצדקה וכיו"ב) וואָס דער אויבערשטער האָט אים ניט מחייב געווען; ב) דאָס איז מצד הנפעל — ס'איז געוואָרן אַ נייע חלות חיוב פון צדקה (וכיו"ב) על נכסיו (ע"ד הנ"ל בנדרי איסור, אַז ער האָט אויפגעמאַכט אַ חפצא).

ה. עפ"ז יומתק דיוק הלשון (הש"ס והרמב"ם) „כאילו בנה במה" — ניט ווי אין שו"ע, וואו דער לשון איז „כאילו בונה במה"[37] שיש לפרשו:

„כאילו בונה במה", איז מדגיש דעם חסרון אין גברא שעוסק בבני' בלתי רצוי' (וואָס קען אים ברענגען[38] צום איסור הקרבה בבמה[39]);

דער רמב"ם זאָגט אָבער אַז דאָס איז „כאילו בנה (ונעשית מציאות — חפצא —) במה" ער האָט אויפגעמאַכט אַ חפצא (וואָס איז אַ הכשר[38] צו אַ הקרבה) אסורה.

לויט דעם איז אויך מדויק לשון הרמב"ם „ואם עבר ונדר מצוה להשאל על נדרו כדי שלא יהא מכשול לפניו". דלכאורה: לויט דעם פירוש הרדב"ז (הנ"ל ס"ב)[40], אַז דער מכשול איז וואָס ער וועט עובר זיין על נדרו, האָט דער רמב"ם געדאַרפט זאָגן „כדי שלא יבוא לידי מכשול"[41], אָדער (ע"ד לשון הגמרא[42]) „כדי שלא יבוא לידי תקלה", וכיו"ב.

נאָר דערמיט איז דער רמב"ם מדגיש, אַז דאָס איז (ניט מצד הגברא, אַז ער וועט קומען לידי תקלה ומכשול, נאָר אַ) התהוות של חפצא, פון אַ („שלא) יהא מכשול לפניו"; עס[43] ווערט אַ מכשול לפניו — די חפצא האסור וואָס ער האָט אויפגעמאַכט על ידי נדרו.

און דער טעם וואָס דער רמב"ם לערנט אַזוי — איז מצד דעם גופא וואָס די גמרא זאָגט דאָס („כאילו בנה במה") נאָר בנוגע לנדר, און ניט בנוגע לשבועה: אויב מצד דער מעשה הגברא, איז דאָך עד"ז אויך בנוגע שבועה.

ו. לויט דעם איז אויך מובן דער חילוק צווישן דברי הרמב"ם אין הל' דעות און אין הל' נדרים:

אין הל' דעות רעדט דער רמב"ם

---

37) ובפרישה לטור שם סק"ז נעתק הלשון „כאילו בונה במה". אבל צ"ע אם אפשר לדייק כזה בדפוסים.

38) ראה חדא"ג מהרש"א יבמות שם ד"ה הנ"ל בתחלתו (אבל הוא כתב זה כעוד ביאור על ההשוואה „כאילו בונה במה", ולא כדברי הר"ן). וראה הערה הבאה. וראה לקמן ס"ז.

39) ראה פרש"י גיטין שם ד"ה כאילו הקריב „וגמר עונו שלם". אבל בפרש"י יבמות שם ד"ה כאילו הקריב קרבן — „שעבר עליו שתי עבירות". וראה ר"ן נדרים (כב שם) ד"ה ברישא „כאילו בנה במה כו' שאין העבירה גדולה כ"כ כו'" (וראה תוס' רי"ד גיטין שם). ובמאירי נדרים שם „הואיל ואינו איסור גדול". ולהלן שם במאירי „שהנדרים כל שאינו רואה לעצמו צורך בהם יש בהם סרך עבירה". וראה ר"ן (ס, ב) ד"ה כמאן „כיון דכי נדר לאו שפיר עבד כדר' נתן". ובפרש"י שם ד"ה כרבי נתן „הואיל ועבד איסורא כו'". ואכ"מ.

40) וכן משמע במגדל עוז שנסמן לעיל שם. וכן מובן בשו"ת מהרי"ק שורש נב. סמ"ג שם. ועוד.

41) ע"ד הלשון בסמ"ג שם: פן יבא לידי מכשול.

42) נדרים ט, ריש ע"ב: י, רע"א — אבל שם אינו לענין נדרי איסור.

43) ראה פרישה שם „לפי הירושלמי הנודר אינו עושה איסור מצד עצמו רק משום דלמא לא יוכל לקיימו אבל רבי נתן סבר שעושה איסור מצד עצמו כו'". אבל לפי ביאורו (בנוגע לצדקה) אפ"ל שזה בעיקר מצד פעולת הגברא (כנ"ל בפנים ס"ד), משא"כ בהמבואר בפנים שהוא מצד החפצא „מכשול לפניו".

ווענן דעם (פעולות ה)גברא, וואָס איז כולל כמה ענינים: אָנהויבנדיק פון דער הנהגה כללית של פרישה מדרכי העולם באופן אַז „לא יאכל בשר ולא ישתה יין ולא ישא אשה כו׳ וכיוצא בהן", וואָס „דרך רעה היא ואסור לילך בה. המהלך בדרך זו נקרא חוטא שהרי הוא אומר בנזיר כו׳"; און עד"ז בענינים פרטיים „שלא ימנע אדם עצמו אלא מדברים שמנעתו התורה בלבד" כנ"ל, וואָס אין דעם זיינען נדרים ושבועות בשווה (ווי דער רמב"ם איז דאָרטן ממשיך), וואָרום אין דער פרישות הגברא פון „דברים המותרים" — איז קיין נפק"מ ניט באיזה אופן דאָס ווערט געטאָן[44];

משא"כ אין הל׳ נדרים רעדט דער רמב"ם וועגן דעם חסרון מצד דער חפצא, וואָס ער האָט אויפגעמאַכט אַ דבר איסור. דערפאַר זאָגט ער דוקא דאָרטן אַז „כאילו בנה במה" און ניט ביי שבועות כנ"ל.

און דאָס איז אויך דער טעם וואָס דער רמב"ם ברענגט דאָ ניט „כל הנודר אע"פ שמקיימו נקרא חוטא" אָדער „נקרא רשע", וואָרום אין הל׳ נדרים רעדט דער רמב"ם נאָר וועגן דעם חידוש וענין מיוחד ביי נדרים — והיינו וואָס דער נודר מאַכט אויף אַ חפצא של איסור (און דערפאַר „כל הנודר כאילו בנה במה" כנ"ל), משא"כ דאָס וואָס „נקרא רשע" און „נקרא חוטא", שם ותואר הגברא, וואָס איז ניט קיין ענין מיוחד ביי נדרים, וע"ד ווי די גמרא[45] זאָגט אַז „כל היושב בתענית נקרא חוטא".

44) וגם אם פורש עצמו (סתם) גם לא ע"י נדר ושבועה, ובכלל זה היושב בתענית — ראה רמב"ם שם (הובא לקמן בפנים בסוף הסעיף).

45) נדרים י, א. וכ"ה בתענית יא, א.

און תוכן ענין זה (דעם חטא ביי נדרים מצד הגברא) ברענגט טאַקע דער רמב"ם אין הל׳ דעות, אַז „המהלך בדרך זו (ער איז זיך פורש פון עניני העולם) נקרא חוטא", און בהמשך לזה: „לפיכך צוו חכמים כו׳ ולא יהא אוסר עצמו בנדרים ובשבועות על דברים המותרים כו׳ (ובכלל הזה אלו שמתענים תמיד כו׳ ואסרו חכמים שיהא אדם מסגף עצמו בתענית[46])".

ז. ע"פ כל זה וועט מען אויך פאַרשטיין דעם חילוק צווישן נדרי איסור און נדרי הקדש:

ביי נדרי איסור, איז דורך זיין נדר געוואָרן אַ חפצא של איסור, ובמילא האָט ער געמאַכט אַ חפצא, אַ „מכשול לפניו". און דעריבער איז „מצוה להשאל על נדרו כדי שלא יהא מכשול לפניו":

משא"כ ביי נדרי הקדש, האָט זיין נדר געשאַפן (ניט אַ חפצא של איסור, נאָר אדרבה) אַ חלות חיוב של צדקה (וכיו"ב בשאר הקדשות); און דעריבער איז די חפצא ניט אַן ענין פון „מכשול לפניו" — אדרבה, ס׳איז אַ חפצא של מצוה, „מצוה לקיימן".

און דאָס איז אויך דער דיוק אין דעם צושטעל צו „כאילו בנה במה": בנין במה אויב ער בויט עם מלכתחילה ניט צוליב אַ פעולה אסורה — איז ניט קיין איסור[47].

46) וראה לח"מ שם.

47) ראה רמב"ם הל׳ בית הבחירה (פ"א ה"ג) „כיון שנבנה המקדש בירושלים נאסרו כל המקומות כולן לבנות בהן בית לה׳ ולהקריב בהן קרבן", דאסור גם לבנות בית לה׳ במקום אחר, לא רק איסור הקרבה בבמות (ראה לקו"ש חט"ז ע׳ 466 הערה 12), אבל עכ"פ צ"ל בית לה׳. ואכ"מ.

ס'איז נאָר אַ הכשר[48] צו פּעולות בבמה וועלכע קענען זיין אַן איסור (הקרבת קרבן) אָדער אַ מצוה (מקום כבוד לאביו ורבו, קריאה בתורה, אמירת דברי התעוררות ממקום „גבוה" — כלשון הכתוב[49]: על הר גבוה עלי לך וגו' הרימי בכח קולך גו', וכיו"ב) או דבר הרשות וסתם.

און דעריבער ברענגט דאָ ניט דער רמב"ם דעם פּסוק מפורש[50] „מוצא שפתיך תשמור ועשית כאשר נדרת", אַז ס'איז אַ מ"ע מן התורה ער זאָל מקיים זיין נדרו, ווי דער רמב"ם זאָגט פריער[51], נאָר וויבאַלד ס'איז „נדרי לה'"[52], דאָס איז (ניט זיין אייגענער איסור וחיוב, נאָר דאָס איז) געוואָרן אַן ענין לה'[53], דעריבער איז — „אשלם".

ח. בנוגע ענין שהזמ"ג, ז' דנחמתא — דער שבועה[54] פון דעם אויבערשטן אויף אַריינברענגען אידן אין ארץ ישראל, און בכלל אויף דער גאולה[55], איז דאָס אַן ענין וואָס דער אויבערשטער האָט מבטיח געווען, און נאָכמער — זיך געבונדן כביכול מיט אַ שבועה, און נאָכמער: דורך דעם האָט זיך דאָס אויפגעטאָן אין דער חפצא דהעולם — וויבאַלד **דיבורו של הקב"ה חשיב** מעשה, איז — מצד דער מציאות פון וועלט „מאָנט זיך" אַז אידן זאָלן אַריינגיין אין ארץ ישראל, און אַז עס זאָל קומען די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו.

און דעריבער, ווי נאָר אידן וועלן תשובה טאָן איז „מיד הן נגאלין"[56], און עס איז ניט שייך קיינע מניעות ועיכובים ח"ו מצד עפּעס אין וועלט, דאדרבה — וועלט גופא מאָנט אַז עס זאָל קומען די גאולה, און קומען במהרה בימינו ממש.

(ע"פ שיחת כ"א מנ"א תשד"מ)

---

48) ראה לעיל הערה 39־38.

49) ישעי' מ, ט.

50) פרשתנו כג, כד.

51) הל' נדרים פ"א ה"ד. ולהעיר דשם כולל נדרי איסור עם נדרי הקדש (וראה רדב"ז שם). ועד"ז בסהמ"צ מ"ע צד (וראה רמב"ן בסהמ"צ שם). וראה מפרשי סהמ"צ שם. צפע"נ להרמב"ם סוף הל' נדרים [ובהכותרת להל' נדרים לא חילק וכתב (מצוה א) „שישמור מוצא שפתיו ויעשה כמו שנדר"].

אבל במנין המצות שבריש ספר היד מ"ע צד כתב המצוה רק בנדרי הקדש „לקיים אדם כל מה שיוציא בשפתיו מקרבן או צדקה וכיוצא בהם", ומביא (רק) הכתוב „מוצא שפתיך תשמור ועשית". ומדברי הרדב"ז הנ"ל מובן, שלכן גם ביד הביא ב' הפסוקים. ואכ"מ.

52) משא"כ נדרי איסור גם כשנודר „לכונן דעותיו ולתקן מעשיו" שאז הרי זה „זריז ומושבח" — הרי „דרך עבודה לשם הן" (רמב"ם הל' נדרים פי"ג הכ"ג) ולא „נדר לה'".

53) ראה כס"מ כאן: דברי טעם הם דלמה יגרע כח ההקדש להשאל עליו כו'. די"ל שכוונתו כנ"ל (בפנים).

54) להעיר מפרש"י עה"ת ואתחנן בתחלתו ד"ה בעת ההיא „שמא הותר הנדר", ובחוקת כ, יב בסופו ד"ה לכן לא תביאו פי' „בשבועה".

55) ראה לקו"ש חכ"ה ע' 274 ובהערה שם.

56) רמב"ם הל' תשובה פ"ז ה"ה.